**איף תיכף ארויסצוגעבן:** 12/22/2022 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול געבט ארויס טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע רעקאמענדאציעס**

***"אויפשפארן גלעלעגנהייט" באריכט גיבט אן אין קורצן קאמיסיע'ס געפינסן, שטעלט צו קורץ- און לאנג-טערמיניגע רעקאמענדאציעס צו לייגן גרונטשטיין פאר ערפאלגרייכע טורמע איבער-אנטוויקלונג***

***ליינט די קאמיסיע באריכט [דא](#)***

גאווערנאר·קעיטי·האוקאל האט היינט ארויסגעלאזט רעקאמענדעציעס פון די ניו יארק טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע, א 15-מידגליד פאנעל זיך צאמגעקומען דורך די גאווערנער פריער דעם יאר צו ווידער פלאנען פארמאכטע טורמעס איבער ניו יארק סטעיט פאר אינאווירנדע איבער-אנטוויקלונג. די רעקאמענדאציעס זענען געווארן אויפגעדעקט אין [*אויפשפארן געלעגנהייט: די באריכט פון די טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע*](#)*, א* 140-בלעטער באריכט וואס נעמט אריין דעטאלירטע פלאץ אנאליזירונג פון 12 פארמאכטע טורמעס און באטראכט איבער-אנטוויקלונג געלעגנהייט פאר יעדע פלאץ זיי צו העלפן בעסער סערווירן די סטעיט'ס עקאנאמישע געברויכן.

"בשעת מיר רוקן ווייטער פאראויס ניו יארק'ס עקאנאמיע, אינוועסטירן מיר אין קאמיוניטיס איבער די סטעיט, אריינרעכענדיג ווידער פלאנען פארמאכטע טורמע פראפערטיס אלס ערטער פון ראיאנישע געלעגנהייט," **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "איך בין צופרידן אז די קאמיסיע האט געטון זייער דיו דילידזשענס און געמאכט זייערע רעקאמענדאציעס באזירט אויף קאמיוניטי פארשלאגן צו מאכן דזשאבס, אפהיטן שטייער צאלער געלט, און ברענגען די געביידעס א נייע לעבן אלס עקאנאמישע מאשינען."

**עמפייר סטעיט אנטוויקלונג פרעזידענט, CEO, און קאמישענער האופ נייט האט געזאגט,** "איך בין שטאלץ צו האבן צוזאמען-אנגעפירט דעם קאמיסיע און פון די ארבעט וואס איז געטון געווארן צו צאמשטעלן דעם פולשטענדיגע באריכט אויף צוקונפטיגע אנטוויקלונג פון אונזער נישט-באנוצטע אדער נישט-גענוג-באנוצטע טורמע פאסיליטיס. די קאמיסיע'ס ארבעט, געשטיצט דורך אסאך פארשונג און סטעיקהאלטער מיטארבעט, האט פראצעדורט ארבערבארע און רעאליסטישע רעקאמענדאציעס וואס וועלן העלפן פארעמען א מאפע פאר באטראפענע קאמיוניטיס צו אויספאלגן גוט אין די צוקונפט."

**טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע קא-טשעיר דארען וואלקרהאט געזאגט,** "די באריכט לייגט אויס א פלאן צו איבער פלאצירן ניו יארק סטעיט'ס פארמאכטע טורמעס אלס א קוואל פון עקאנאמישע און קולטוראלע לעבן, פארזיכערנדיג אז באטראפענע קאמיוניטיס האבן די געצייגן וואס זיי דארפן צו בליען. מיר זענען דאנקבאר פאר די קאמיסיע'ס רעקאמענדאציעס און קוקן פאראויס צו זען די איבער-אנטוויקלונג פלענער אנהייבן ווערן."

אויף די אנווייזונג פון די גאווערנער, האט די טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע — צאמגעשטעלט פון פירנדע עקספערטן אין די קאמיוניטי און עקאנאמישע אנטוויקלונג, ריעל עסטעיט, קרימינאל גערעכטיגקייט פארבעסערונג, און רעגירונג טיילן — זיך געטראפן מיט סטעיט אגענטורן, קאמיוניטי סטעיקהאלטערס, און עקאנאמישע אנטוויקלונג ארגאניזאציעס אפאר מאל איבער די לעצטע זעקס מאנאטן צו אדרעסירןליידיגע און געשעדיגטע טורמע פאסיליטיס און אנטוויקלען א ליסטע פון רעקאמענדאציעס פאר שעפערישע באנוצן. אין צוגאב, האט א טיעם פון עמפייער סטעיט אנטוויקלונג באזוכט יעדע פראמאכטע טורמע אין די פארטפאליא און זיך געטראפן מיט לאקאלע פירער און קאמיוניטי מידגלידער. צום סוף, האט די קאמיסיע געשריבן 13 רעקאמענדאציעס צו צוהעלפן די איבער-אנטוויקלונג פון די פארמאכטע טורמעס, אריינרעכענדיג:

- פריאטאריזירן די ארויסגעבונג פון צווייפארלאנגען פון פארשלאגן און צושטעלן שטיצע פאר ESD דורך די RFP פראצעדור (Requests for Proposals, RFP).
- אנהייבן א טורמע איבער-אנטוויקלונג פאנד, א געלט גרענט פראגראם וואס וועט מאכן געלטער אוועילעבל צו דעוועלאפערס און/אדער לאקאליטעטן וואס באקומען פלעצער פון די סטעיט.
- מאכן א שטאטישע טעכנישע הילף פאנד צו העלפן קאמיוניטיס מיט פארמאכטע טורמעס אפערירן די פארמאכטע פאסיליטיס (צ.ב. באקומען און אויפהאלטן אינפראסטרוקטור).
- אויפשטעלן א קאמיוניטי מיטארבעט פראצעדור צו שטיצן אוטריעטש און קאנצענזוס צו בויען אין באטראפענע קאמיוניטיס.
- פריאטאריזירן האוזינג אין צוקונפטיגע טורמע oRFP אדער אנדערע טורמע איבער-אנטוויקלונג באמיאונגען.
- נאכפארשן באנניבארע ענערגיע געלעגנהייטן און שותפות.

די גאנצע ליסטע פון רעקאמענדאציעס, ווי אויך די סטאטוס און צייט אפשניט פאר יעדע פארשלאג, וויכטיגע אגענטורן און שותפים, און איינפירונג אנווייזונגען, זענען אוועילעבל אין די קאמיסיע'ס באריכט.

ניו יארק סטעיט יאגט שוין נאך א נומער פון שריט וואס וועלן בעסער פלאצירן פלעצער פאר איבערנוצונג, אזוי ווי:

- אוועקנעמען רעיזאר ווייער ביי די אדגענסבורג, מט. מקגרעגאר, און ווילארד פלעצער.
- זיך פארפליכטן צו אנהאלטן סיסטעמען לויפן ביי ווילארד, מויריא, און אדגענסבורג פלעצער צו פארמיידן שנעלע פארערגערונג פון די געביידעס.
- פריאטאריזירן די ארויסגעבן פון oRFP פאר די וואטערטאון און דאונסטעיט פלעצער אין 2023.

גאווערנער האקול האט צאמגענומען די טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע אין מאי 2022 נאך די פארמאכונג פון עטליכע טורמעס אין אפסטעיט ניו יארק. אין 2021, האט די סטעיט געמאלדן די פארמאכונג פון זעקס אונטער-קאפעסיטי טורמעס צוליב פאלן פון די איינגעשפארטע פאפולאציע. אין אלגעמיין, זענען מער ווי 20 טורמעס פארמאכט געווארן איבער די סטעיט אין די לעצטע 15 יאר.

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט און לעיבאר קאמישינער ראבערטע רערדאן האט געזאגט,** "ווען עס קומט צו אריינאטעמען נייע לעבן אין אלטע סטרוקטורן, טוט עס קיינער נישט ווי ניו יארק. איך דאנק ניו יארקער פארן מיטטיילן זייער אומשאצבארע פארשלאגן בשעת דעם אריינעמענע פראגראם און איך בין פרייליך צו איינפירן עקאנאמישע לעזונגען וואס וועלן ארויסגעבן פראקטישע רעזולטאטן פאר קאמיוניטיס אפעקטירט דורך די פארמאכונג פון די פאסיליטיס. איך קוק פאראויס צו זען ניו יארקער נוצן די נייע קאריער געלעגנהייטן וואס וועלן ווערן געמאכט אין די קאמיוניטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון פארקס, פארוויילונג, און היסטארישע אפהיטונג קאמישענער עריק קאלעסיעד האט געזאגט,** "אונזער טיעם האט שווער געארבעט צו הערן פון לאקאלע סטעיקהאלטערס צו צושטעלן די בעסטע לעזונגען פאר זייערע קאמיוניטיס. די רעקאמענדאציעס דורך די קאמיסיע ברענגען פראגראמאטישע עצות צו די פאסיליטיס, לייגנדיג זיי אין א פאזיציע צו אמבעסטן סערווירן אפסטעיט קאמיוניטיס פאר אסאך יארן וואס קומען."

**ניו יארק סטעיט דעפארטמענט אוו פאררעכטונגען און קאמיוניטי אויפזיכט עקטינג קאמישענער אנטאני אנאשי האט געזאגט,** "די דעפארטמענט פארשטייט ערשטהאנטיג ווי ווערדפול איבער-אנטוויקלען די פראפערטיס וועט זיין פאר די קאמיוניטיס באטראפן דורך טורמע פארמאכונג. די קאמיסיע'ס רעקאמענדאציעס שטעלן צו א פראקטישע וועג פאראויס צו איבערפלאנען די פאסיליטיס און פארגרעסערן איבערנוצן געלעגנהייטן וואס וועלן בענעפיטירן ביזנעסער און איינוואוינערס אין די ארומיגע קאמיוניטיס. איך לויב די גאווערנער פארן מאכן די טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע, די דעפארטמענט איז שטאלץ צו צוגעבן צו דעם איניציאטיוו און קוקט פאראויס צו אונזער ווייטערע שותפות אין אנטוויקלען די פראפערטיס."

**ניו יארק סטעיט אפיס פון אלגעמיינע סערוויסעס קאמישענער דזשיענעט מוי האט געזאגט,** "נאך אסאך שווערע ארבעט האט גאווערנער האקול'ס טורמע איבער-אנטוויקלונג קאמיסיע אנטוויקלט פלענער צו באהאנדלען א פראבלעם וואס האט געמאכט אסאך שוועריגקייטן פאר די סטעיט און לאקאלע קאמיוניטיס אפעקטירט דורך טורמע פארמאכונגען. אלס א מידגליד פון די קאמיסיע, קוק איך פאראויס ווייטער צו גיין די ארבעט וואס מיר האבן אנגעהויבן צו איבער-אנטוויקלען די פראפערטיס אין וועגן וואס וועלן בענעפיטירן יענע קאמיוניטיס און פארשטערקערן די סטעיט עקאנאמיע."

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418